בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג
ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


# ונבל מאמינים


א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים
פרשת ויגש תשפ"ה שנה י | גליון מס' 563


## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

### צו 'פיוס' און צו תפילה ומלחמה

**"וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי וְאַל יִחַר אַפְּךָ בְּעַבְדֶּךָ כִּי כָמוֹךָ כְּפַרְעֹה"** (מד יח)

דער מדרש זאגט (ב"ר צג ו) אז ווען יהודה האט זיך דערנענטערט צו יוסף האט ער זיך געגרייט אויף דריי זאכן: לפיוס, למלחמה ולתפילה, אבער לכאורה איז שווער אז אינדערצייט וואס דער פיוס און מלחמה איז מבואר מיט א קלארקייט אין פסוק - טרעפט מען נישט אז יהודה האט מתפלל געווען?

געט דער בעל חרדים **רבי אלעזר אזכרי** צו פארשטיין:

אז אין די ווערטער "בִּי אֲדֹנִי יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי" האט יהודה אויך אינזינען געהאט אין איר מתפלל צו זיין לשמים און דאס איז מרומז אין די ווערטער: "בִּי אֲדֹנִי" - איך בעט דיר רבוש"ע "יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר" אז עס זאל נתקבל ווערן "בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי" - דער האר פון מצרים ווייל מיר ווייסן אז לב מלכים ושרים ביד ה' ווי דער פסוק זאגט אין משלי [כא. א]: "לֶב מֶלֶךְ בְּיַד ה' עַל כָּל אֲשֶׁר יַחְפֹּץ יַטֶּנּוּ".

'חרדים על התורה'

### די בשורה פון יוסף הצדיק פאר זיין פאטער

**"מַהֲרוּ וַעֲלוּ אֶל אָבִי וַאֲמַרְתֶּם אֵלָיו כֹּה אָמַר בִּנְךָ יוֹסֵף שָׂמַנִי אֱלֹקִים לְאָדוֹן לְכָל מִצְרָיִם"** (מה ט)

יוסף הצדיק שיקט זאגן פאר זיין פאטער אז ער איז א קעניג אין מצרים.

**דער הייליגער ריזשינער האט געפרעגט** וואס איז דאס א בשורה אז ער איז א קעניג אין מצרים ווי אזוי גייט דאס דערפרייען יעקב אבינו? נאר געט צו פארשטיין אז אין דער ווארט 'שמני' איז מרומז די ווערטער "שם אני".

יוסף הצדיק האט מבשר געווען פאר זיין פאטער אז איבעראל וואו ער גייט איז ער מבשר די בשורה אז הקב"ה איז מלך, אז ער איז איז דער "אֱלֹקִים לְאָדוֹן לְכָל מִצְרָיִם".

נאך א מהלך זאגט **רבי יוסף חיים מבאגדאד:**

יוסף הצדיק האט מבשר געווען פאר יעקב אז די זכות פון פון די כ"ה אותיות פון דער פסוק: "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד" וועלכע "אָמַר בִּנְךָ יוֹסֵף" יעדן טאג, דאס שטייט זיי לכח און מיט דעם האט ער מנצח געווען דער יצר הרע און דאס איז מרומז אין די פסוק "שָׂמַנִי אֱלֹקִים לְאָדוֹן לְכָל מִצְרָיִם".

נאך א מהלך זאגט דער ראש ישיבת אור ישראל **רבי יעקב ניימאן:**

מיט די ווערטער האט יוסף געוויזן פאר יעקב אז טראץ וואס עס איז אריבער אזויפיל יארן פון ווען זיי האבן זיך געזען דאך איז זיין אמונה געבליבן פעלזנפעסט און ווי דער פסוק זאגט: שָׂמַנִי אֱלֹקִים לְאָדוֹן לְכָל מִצְרָיִם" - אז הקב"ה האט מיר געשטעלט צו זיין קעניג אין מצרים און איך בין נאך דבוק אין די אמונה פון אמאל.

'ישמח ישראל'; 'בן יהוידע' סוטה מב א; 'דרכי מוסר'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### "החייתנו" - אין זכות פון נײַנציג אמנים

יעדער איד אין די וועלט ווייסט אז טאג טעגליך ליגט אויף אים א פליכט צו מאכן 'מאה ברכות'. עס איז באקאנט און מקובל ביי אלעמען די חובה פון מאכן מאה ברכות א טאג, אבער עס איז ווייניגער באקאנט אז אויך די צאל אמנים - וויפיל אמנים א איד דארף צו מאכן יעדן טאג איז באשטימט געווארן דורך חז"ל און אז טאג טעגליך זענען מיר מחוייב אנצוקומען צו ניינציג אמנ'ס.

דער מקור צו דעם דין איז א זוה"ק, ער שטעלט אוועק די סומע און די פוסקים ברענגען עס אראפ להלכה, אז מען דארף זיך פירן אזוי מידי יום ביומו.

ווי עס איז שוין ציטירט געווארן דא אין די גליון מערערע מאל איז דער לכתחילה פון די אמנים אז זיי מוז'ן געזאגט ווערן אויף ברכה'ס און אז פון די ברכה'ס אליין זאל מען אנקומען צו די סומע פון ניינציג אויסער די אמנים פון די קדישים. (זעה מער דערוועגן אין שו"ת רמ"ע מפאנו סימן קט און אין 'מגן אברהם' ו ט).

מען דארף אינאכט נעמען אז אנדערש פון די מאה ברכות וועלכע א מענטש קען גרינגערהייט אנקומען צו די סומע איז דער 'אמן'ס. אין ראם אנצוקומען צו אזא צאל אמן'ס פאדערט זיך אז מען זאל זיך אנשטרענגען צו איר ווייל אויך אויב מען וועט צורעכענען די אמנ'ס נאך די ברכות וואס מען הערט פון דער שליח ציבור וועט נאך אלץ פעלן פופציג פראצענט פון די אמנ'ס וואס עס פעלט זיך אויס צו האבן אז מען זאל קענען אנקומען צו די צאל וואס מיר דארפן האבן.

עס קען זיין אז דאס איז מרומז אין דער פסוק (ישעיה כו ב): "צדיק שמר אמנים- ווייל אנצוקומען צו די 'צ' אמנים דארף מען זיך היטן און אויסקוקן אויף איר.

דער געברויך פון דעקן די געפאדערטע סומע איז די הויפט סיבה פארוואס מען פירט זיך ביים כלל ישראל צו ענטפערן 'אמן' נאך ברכת השחר פון די מתפללים. אז א איד הערט אויס ברכת השחר פון דריי אידן קען ער גרינגערהייט אנקומען צו דעקן די צאל אמנים וואס עס פעלט זיך אויס צו דערגרייכן די טעגליכע צאל פון ניינציג אמן'ס. (ראה 'משנה ברורה' ו יג).

עס איז א גרויסע סגולה אז מען זאל שוין גלייך צופרי משלים זיין די טעגליכע סומע פון אמנ'ס. מען קען אנקומען דערצו דורך וואס מען הערט אויס טעגליך פון זעקס מענטשן די ברכת השחר. דער חיד"א ('מדבר קדמות' מערכת א אות לא) שרייבט אז ווען א איד איז משלים יעדן טאג די ניינציג אמנ'ס רוט אויף אים און אויף זיין משפחה א ספעציעלע שוץ ווי דער פסוק זאגט (תהילים צא ז): "יִפֹּל מִצִּדְּךָ אֶלֶף וּרְבָבָה מִימִינֶךָ אֵלֶיךָ לֹא יִגָּשׁ". צי לוינט זיך מוותר צו זיין אויף אזא שמירה?

א רמז צו די ווערטער פון חיד"א טרעפן מיר אין די וואכעדיגע סדרה, דער פסוק זאגט (בראשית מז כה): "וַיֹּאמְרוּ הֶחֱיִתָנוּ נִמְצָא חֵן בְּעֵינֵי אֲדֹנִי"; אז מען וועט אפטיילן די ווערטער "הֶחֱיִתָנוּ" פון 'נמצא' וועט עס זיין אז ווייסטו אין וועלכער זכות איז דא החיתנו בזכות פון "נִמְצָא" - וואס מאכט די אותיות פון: 'צ' אמן'.

מיר ווילן אויפשטיין אין שול און הערן די ברכות פון די מתפללים און זוכה זיין צו די גרויסע ברכה און שמירה עליונה וועלכע וועט אונז אפהיטן פון אלע שלעכטע זאכן.

**מיט א קריאה**
**פון "צדיק שמר אמנים"!**
**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — דער 'אמן' וואס האט געעפענט טויערן —

די געוועהנליכע געשיכטעס וועלכע וועלן אריינקומען אין די מערכת וועלן זיין אזאנע וואס וועלן שילדערן אן ענגשאפט אז דער איד האט זיך גענויטיגט אין געלט אדער אין אנדערע ישועה.

די היינטיגע בריוו טראגט אן אנדער געשטעל, די היינטיגע בריוו שרייבט א איד וועלכע שטעלט זיך פאר אלץ 'יהודה'. דער איד דערציילט אז ער האט געהאט א גוטער ביזנעס, ער האט מצליח געווען, אבער ער האט געזוכט צו פארקויפן די געשעפט און דער 'אמן' האט געעפענט די טויערן פאר אים.

**אט ליינט די געשיכטע פון יהודה:**

"טראכטנדיג פון א גוט געשעפט וואס קען אריינברענגען שיינע פארדינסטן האב איך געלייגט אן אויג אויף די געביט פון רעסטוראנטן און אויספארקויפן שנעלע עסנווארג". הייבט ער אן זיין געשיכטע.




אלץ אן איינוואוינער פון די שטאט ירושלים וואו עס ווירבעלט אסאך געסט האב איך געעפענט אזא געשעפט. אין די ערשטע שטיק צייט איז עס געווען אויף א קליינער פארנעם אבער מיט די צייט איז עס געוואקסן, עס האט זיך פארגרעסערט אויף א דראסטישער פארנעם.

די געשעפט האט אריינגעברענגט שיין געלט, עס וואלט מיר געדארפט מאכן א גליקליכער מענטש אבער למעשה בין איך געווען אומגליקליך, די סיבה דערצו איז געווען ווייל די ארבעט איז געווען ביטער שווער.

פון די פריע טאג'ס שעה'ן ביז צו די שפעטע נאכט שעה'ן האב איך געארבעט אן אויפהער. עס האט זיך אנגעהויבן מיט די קאכעריי, מיט'ן אהערשטעלן די מאטריאלן און עס האט ממשיך געווען ביז די שפעטע נאכט שטונדן.

איך פלעג אהיימקומען ערשעפט, איך בין אייביג געווען פאריאגט, איך האב פארדינט געלט, אבער איך האב נישט געהאט קיין לעבן.

אין אנהייב האב איך געמיינט אז די לעזונג וועט זיין אז כ'וועל אריינעמען ארבעטער אבער עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אויך דאס איז א שווערע זאך. דער צוטרעפן א פאסיגער ארבעטער איז א שווערע זאך, עס גייט נישט אזוי גרינג און אויך ווען איך האב שוין געטראפן איינעם האט ער מיר פארלאזט שפעטער.

די איינציגסטע אויסוועג וואס איך האב געזען פאר מיר איז צו פארקויפן די געשעפט אבער נאך דעם וואס איך האב אריינגעלייגט אין דעם שווערע געלטער האב איך נישט געטראפן איינער וואס זאל עס אפקויפן.

א שטיק צייט איז פארביי, די ישועה איז נישט געקומען צוגיין, ביז יענעם טאג.

אין די שול וואו יהודה האט געדאווענט טעגליך איז געווען אן אמן גבאי, דער איד פלעגט מיט א געטריישאפט אנפירן די אמן חברותא'ס און געזארגט אז יעדער מתפלל זאל טרעפן ווער עס זאל נאכזאגן אמן נאך זיינע ברכות.

אויך יהודה פלעגט טעגליך זאגן אמן פאר דעם איד. איין טאג האט זיך געמאכט אז דער גבאי האט נישט געקענט קומען, ער האט געשטעלט א ממלא מקום, אבער דער ממלא מקום האט נישט אויסגעפירט זיין ארבעט באמנות און יהודה זעענדיג אז קיין איינער נעמט עס נישט אויף זיך האט עס גענומען אויף זיך.

איינער נאך די אנדערע זענען געקומען צוגיין צו אים אידן. איין טאג איז געקומען צו אים א איד און נאכ'ן ווייזן די צעטיל פון די 'בני אמונים' וואו עס שטייט ארויסגעשריבן קלאר די כוונות וואס מען דארף אינזינען האבן ביי יעדן אמן.

דער איד האט געזאגט ברכות מיט א שמחה און אנקומענדיג צו די ברכה פון 'הגומל חסדים טובים' האט יהודה געהאט צייט צו ליינען וואס עס שטייט אויפ'ן צעטיל און זיך מתעמק געווען אין די כוונה פון יעדע ברכה וברכה און אויף די ברכה פון 'הגומל חסדים טובים'.

ביי די ברכה פון הגומל חסדים טובים איז געשטאנען אז די כוונה פון דער 'אמן' איז אז מען זאל דאנקען הקב"ה אז ער האט אוועקגענומען די שלאף פון אונזערע אויגן, אויף די פולע חסדים וואס ער טוט מיט אונז יעדן טאג און מען זאל מסיים זיין מיט א תפילה, אז הלוואי זאל הקב"ה ממשיך זיין צו טון מיט אונז חסד יעדן טאג.

האבנדיג די כוונה האט ער אינזינען געהאט און געטראכט פון זיך דאנקנדיג הקב"ה אויף די חסד וואס ער האט געמאכט מיט אים אז ער האט אים געגעבן א גוטגייענדע ביזנעס און געבעטן אז ער זאל טרעפן א קונה, צו וועמען צוקענען איבערגעבן די געשעפט און אז ער זאל טרעפן א בעסערע און א גרינגערע פרנסה.

איין טאג האט עס פאסירט, א איד האט זיך אנגעגעבן אז ער זוכט ארבעט און זיך אנגעטראגן אז ער קען קומען ארבעטן אין די געשעפט.

נאכ'ן אריינגיין מיט יענעם אין א שמועס האט ער געזען אז ער איז א גוטער ארבעטער, די ארבעט האט אנגעהויבן גיין אין א גוטן ריכטונג. דער ארבעטער האט פארבעסערט די געשעפט אין א וואונדערליכער וועג.

איין טאג, שטיינדיג אין געשעפט, האט דער נייער ארבעטער דערציילט פאר יהודה אז ער קומט פון א פארמעגליכער שטוב און אז עס פעלט אים נישט קיין געלט, די סיבה פארוואס ער איז אריין אין די ליניע איז וועגן דעם, ווייל ער טרוימט איין טאג צו עפענען אזא ביזנעס.

"זארג נישט, איך וועל עס נישט עפענען דא אין געגענט, איך וועל נישט קאנקערירן מיט דיר".

דא האט יהודה אויפגעלאכטן, אדרבה, איך זוך שוין א קונה, קויף אפ דאס געשעפט ווי עס שטייט און גייט.

עס איז אריבער נאך א שטיק צייט ביז ווען די געשעפט האט זיך געענדיגט און יהודה איז ארויס פון דארט דאנקענדיג הקב"ה פאר די גוטע קונה.

די מזל האט אים געשיינט, ער האט געעפענט א סחורה געשעפט און פארדינט שיין, ווען ער געניסט פון רואיגערע שעה'ן און בעסערע באדינגען און איז זיך מתפרנס שיין.

## — הפסקה לעניית אמן בקריאת שמע וברכותיה —

**אזעלכע דברים שבקדושה וואס מען האט מתיר געווען צו ענטפערן אויף זיי אינמיטן די פרק פון קריאת שמע, האט מען אויך מתיר געווען מפסיק צו זיין אויף זיי ווען מען האלט אינמיטן א פסוק..[1] טראץ וואס מען האט מתיר געווען אויסצורעדן איבער זיי אינמיטן פסוק איז דא א מחלוקת הפוסקים צי אינמיטן א פסוק מיינט אויך אינמיטן אן ענין אדער נאר ווען מען שטייט צווישן איין ענין און די אנדערע. להלכה, ווערט גע'פסק'נט אז ווען ער האלט אינמיטן אן ענין זאל ער זיך צויאגן אן ענדיגן די ענין די שנעלסטע וואס איז שייך. אויב ער קען נישט אפהאקן אינמיטן קען ער יא מפסיק זיין און ענטפערן אויך אינמיטן די ענין און[2] און שפעטער זאל ער צוריקגיין צו די אנהייב פון די פסוק[3]. אזוי אויך אויב האט ער מפסיק געווען סוף פון איין ברכה פון די ברכת קריאת שמע פאר די חתימת הברכה זאל ער צוריקגיין צום אנהייב ברכה פאר די חתימת הברכה סמוך צו די ענין פון די חתימה[4].**

1. די הלכה ווערט געברענגט אין 'שלחן ערוך' (סו א). עס בויט זיך אויך א ירושלמי אין ברכות (ב ו). דער בן איש חי (פרשת וארא אות כ) שרייבט אז ווען מען איז מפסיק פאר א דבר שבקדושה אינמיטן א פסוק זאל מען גלייך נאך דעם צוריקגיין צו אנהייב פון דער פסוק. עס איז משמע פון אים אז אויך ווען ער איז מפסיק צווישן צוויי ענינים אין איין פסוק, זאל ער צוריקגיין צו די אנהייב פון דער פסוק. זעה ווייטער הערה 3.

2. דער 'כסף משנה' (קר"ש ב טו) ברענגט אראפ בשם רבנו מנוח אז אויך דברים שבקדושה האט מען מתיר געווען צו ענטפערן אינמיטן די פסוק פון קריאת שמע. פונדעסטוועגן זאל מען נישט מפסיק זיין נאר ווען ער שטייט צווישן איין עניין און די צווייטע ענין אין די זעלבע פסוק אבער אין די זעלבע ענין זאל ער נישט מפסיק זיין. אלץ א ביישפיל דערצו ברעגנט רבנו מנוח אראפ דער פסוק (דברים יא יח): "ושמתם את דברי אלה על לבבכם ועל נפשכם וקשרתם אתם לאות על ידכם..." אז נאך "נפשכם" ענדיגט זיך דער ערשטער ענין אין די פסוק און אז אפילו אז עס איז אינמיטן א פסוק מעג ער מפסיק זיין דארט - ווייל דער ענין האט זיך געענדיגט. אבער ווען ער שטייט אינמיטן אן עניין, זאל ער נישט מפסיק זיין אויך אויף דברים שבקדושה וואס מען האט מתיר געווען צו ענטפערן אויף זיי ביי קריאת שמע. דער 'מגן אברהם' (סו ג) ברענגט אראפ די ווערטער פון דער 'כסף משנה' און אזוי פסק'נט אויך דער 'דרך החיים' (דיני קר"ש וברכותיה סעיף ה). אבער דער 'שלחן ערוך הרב' (שם ב) פסק'נט דארט ווי די דיעות וואס האלטן אז אויף דברים שבקדושה וואס מען האט מתיר געווען צו ענטפערן אינמיטן קריאת שמע וברכותיה, מעג מען אויך מפסיק זיין אפילו אינמיטן אן ענין פון א פסוק. [זעה אויך 'ביאור הלכה' (שם א) אז ער ווייזט אויף אז אזוי איז אויך דער דיעה פון דער 'שלחן ערוך']. אבער ער שרייבט אז לכתחילה זאל מען יא חושש זיין צו דער דעת פון רבינו מנוח און וועגן דעם אויב א מענטש קען זיך אונטעראיילן און צוענדיגן פאר ער ענטפערט זאל ער אזוי טון, אזוי פסק'נט אויך דער 'עבודת היום' (סה ב) און אין 'משנה ברורה' (שם י).

3. סיי דער 'שלחן ערוך הרב' דארט און אויך דער 'משנה ברורה' (שם) שרייבן אז ווען מען האט מפסיק געווען אינמיטן אן עניין פאר א דבר שבקדושה זאל ער שפעטער צוריקגיין צום אנהייב פון דער פסוק. פון דעם איז משמע לכאורה אז אויך אויב ער האט מפסיק געווען אינמיטן מיט א צווייטער ענין איז נישט גענוג אז ער זאל צוריקגיין צו די ערשטער זאך, נאר ער מוז צוריקגיין צום אנהייב פון דער ענין, אבער דער 'תהלה לדוד' (שם א) שרייבט אז אין פאל אז מען האט מפסיק געווען אינמיטן די צווייטע ענין איז גענוג אז מען גייט צוריק צום אנהייב פון דער ענין און דאס וואס דער 'שלחן ערוך הרב' זאגט אז מען זאל צוריקגיין צו די אנהייב פון די פסוק איז ווייל ער איז עוסק אין די זעלבע זאך וואס ער האט עוסק געווען איידער ער האט מפסיק געווען, ווייל דעמאלטס איז דער אנהייב פון דער פסוק אויך דער אנהייב פון דער ענין.

4. ווי למשל אז ער האט מפסיק געווען סמוך צו די חתימה פון ברכת היוצר זאל ער צוריקגיין צו זאגן פון "המחדש בטובו.." און ביי די ברכה פון "אהבה רבה" זאל ער צוריקגיין צו"וקרבנו מלכנו" ('קצות השלחן' יט א).

"צַדִּיק שׁוֹמֵר אֱמֻנִים"

דער וואס הערט ברכות השחר
פון אנדערע און ענטפערט אמן
אויף די ברכות איז זוכה צו שטיין
אין די צאל אמנים
וואס מען דארף הערן טעגליך
און דאס איז
ניינציג אמנים
א טאג
שו"ת הרמ"ע מפאנו ס' קט;
'מגן אברהם' ו ט




מייר שליסן זיך אויך אן
אין די גרויסע מהפכה!

זיי דו אויך פון די מזכי הרבים!

פעדער זיך און קום אין שול אריין צו
הערן די ברכת השחר פון די מתפללים
און קום אן דורכדעם צו דעקן די צאל
אמנים וואס חז"ל האבן קובע געווען אז
מען דארף זאגן טעגליך.

זיך אנצושליסן פול אויס די אפליקאציע
אויף די 'נדרים פלוס' פראגראם און מיר
וועלן זיך פארבינדן מיט דיר און דיר שיקן
אינפארמאציע אויף די נושא.

בְּרְכוֹת הַשַּׁחַר כַּהֲלָכָה

בְּקוֹל | בְּכַוָּנָה | בְּחַבְרוּתָא

# רזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### די שבטים האבן זיך דערשראקן פון דער 'אמן' וואס ליגט בפנימיות פון יוסף הצדיק

**"וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל אֶחָיו אֲנִי יוֹסֵף הַעוֹד אָבִי חָי וְלֹא יָכְלוּ אֶחָיו לַעֲנוֹת אֹתוֹ כִּי נִבְהֲלוּ מִפָּנָיו"** (מה ג)

זאגט דער 'בן איש חי':

אז מען רעכענט אויס דער ווארט יוסף מיט איר מילוי ווי פאלגענד: - די אותיות ו"ד פון דער אות יו"ד, דער י"ו פון דער אות וי"ו, דער מ"ך פון דער אות סמ"ך, דער 'ה' פון דער אות פ"ה קומט מען צו די גימטריא פון 91 כמנין "אמן.

עס קען זיין אז וועגן דעם זענען די אחי יוסף געווארן דערשראקן פון אים ווי דער פסוק זאגט עדות "נִבְהֲלוּ מִפָּנָיו" - ווייל זיי זענען געווארן דערשראקן פון דער סוד 'אמן' וואס איז מרומז אין זיין אינערליכקייט - אין די אינערליכע אותיות פון זיין נאמען. ('אדרת אליהו').

### דער 'אמן' - איז דער סוד פון יעקב אבינו'ס הנהגה

**"וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל יַעֲקֹב כַּמָּה יְמֵי שְׁנֵי חַיֶּיךָ: וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל פַּרְעֹה יְמֵי שְׁנֵי מְגוּרַי שְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה"** (מז ח-ט)

זאגט דער הייליגער 'מאור ושמש':

מיט די שאלה פון "כמה ימי שני חייך" האט פרעה געוואלט וויסן וואס איז דער כח פון יעקב אבינו? האט אים יעקב אבינו געזאגט אז זיין כח ליגט אין דער 'אמן' ווייל דער נאמען 'יעקב' באטרעפט צוויי מאל 'אמן'. די בחינה איז אויך מרומז אין די פסוק, אײנמאל שטייט "פרעה אל יעקב" און די צווייטע מאל שטייט "יעקב אל פרעה" און דאס קעגן די צוויי מאל יעקב פון זיין נאמען.

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


דער אידישער בית הקברות פון די תלמידי הרמח"ל אין די שטאט פאדווא

### דער רמ"ד וואלי
### ז' בטבת תקל"ז

דער צדיק רבי משה דוד וואלי איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי שמואל אין יאר תנ"ז אין די שטאט פאדאווא אין איטאליע, אין זיין יונגע יארן האט ער געלערנט תורה פון די חכמי פאדאווא.

זיין רבו מובהק איז געווען דער הייליגער רמח"ל, פאר לאנגע יארן האבן זיי עוסק געווען צוזאמען אין תורת הנגלה והנסתר.

אין מערערע ערטער צייכענט דער רמ"ד אן גילויים וחזיונות וואס ער האט זוכה געווען ביי זיין לעבן.

דער רב פון פאדווא, רבי רבי מרדכי שמואל גירונדי, ווער עס איז געווען רב נאך אים, שרייבט איבער אים אין דער ספר 'תולדות חכמי איטליה' מורא'דיגע ווערטער און מיר ציטירן דא זיינע ווערטער: "שמעתי נפלאות מתורתו חסידותו וקדושתו והיה תלמיד מובהק ונאמן ביתו של התנא האלוקי מורינו הרב משה חיים לוצאטו. והיה חכם כולל ודרשן מופלא ומקובל אלוקי, וחיבר פירוש על כל תנ"ך בדרך פרד"ס... מלבד חיבורים אחרים על דרך האמת וחיבר אותם בקדושה".

דער רמ"ד איז נסתלק געווארן ז' טבת אין יאר תקל"ז, ער איז נטמן געווארן אין דער בית החיים אין די שטאט פאדווא. מער ווי צוויי הונדערט יאר שפעטער נאך זיין הסתלקות האט מען איבערגעדרוקט זיין פירוש המקיף אויף תנ"ך וועלכע געפינט זיך נאך ביז היינט אין די בריטישע מוזעאם אין דרייסיג בענדער.

**מערערע מאל לענגאויס זיין פירוש אויפ'ן תנ"ך וועט דער רמ"ד אויסשמועסן די גרויסע מעלה פון אמן און די שפע און די תיקונים וואס קומען אראפ דורך איר. ער שמועסט אויס איר גרויסקייט סיי על פי תורת הסוד און סיי בתורת הנגלה, פאלגענד וועלן מיר אראפברענגען א קורצע ליקוט פון זיינע ווערטער:**

### ברכה עד בלי די

דער פסוק אין (משלי כח כ) זאגט : "איש אמונות רב ברכות", פון דער פסוק זען מיר אז ווער עס איז מקפיד אויפ'ן אמן ברענגט גרויסע השפעות אויף זיך. דאס קומט מכוחם פון די הייליגע שמות הק' וואס זענען מרומז אין דער ווארט 'אמן' (רמ"ד וואלי שם). די בחינה איז אויך מרומז אין דער פסוק אין (ישעיה כד יח) "ארובות ממרום נפתחו" וועלכע איז ראשי תיבות די אותיות 'אמן' (רמ"ד וואלי שם).

### דער סוד פון 'אמן' איז מרומז אין פסוק

עס איז ידוע די ווערטער פון די מקובלים אז ווען מען זאגט 'אמן' זאל מען אינזינען האבן די צוויי שמות הקודש הוי"ה ואדנות ווייל 'אמן' באטרעפט כמנין די צוויי שמות. דער סוד איז מרומז אין דער פסוק (דה"י א טז לו): "ויאמרו כל העם אמן והלל לה'" - אז ווען מען ענטפערט אמן זאל מען אינזינען האבן "הלל" וואס איז די זעלבע גימטריא ווי דער שם אדני און לה' און דער שם הויה ווייל ביידע שמות אינאיינעם באטרעפט 'אמן' (רמ"ד וואלי שם).

### דער ענטפערן 'אמן' איז ווי מען איז מקריב א קרבן

אין די תורה ווערט א קרבן אנגערופן מיט'ן נאמען "אשה", על שם וואס מען איז מקטיר דער קרבן אויפ'ן אש המזבח.

ביי אסאך קרבנות אויך מקריב געווען א מנחה מיט נסכים.

אז מען וועט זיך מתבונן זיין וועט מען זען אז "אמן" איז ראשי תיבות די ווערטער: "אשה, מנחה, נסך".

דאס קומט מרמז צו זיין אז דער יחוד וואס קומט ארויס דורך די מעשה הקרבנות איז ווי דער יחוד וואס קומט ארויס דורך דער 'אמן'. (רמ"ד וואלי במדבר כח ז).

### דער קיום העולם איז מיט 'אמן'

אויפ'ן פסוק (ירמיהו מח יט) "אֶל דֶּרֶךְ עִמְדִי וְצַפִּי יוֹשֶׁבֶת עֲרוֹעֵר שַׁאֲלִי נָס וְנִמְלָטָה אִמְרִי מַה נִּהְיָתָה" דרשנ'ט דער רמ"ד אז די ראשי תיבות פון די ווערטער "אמרי מה נהיתה" איז 'אמן'. עס קומט אונז צו לערנען אז אויך די אומות העולם און די יושבי ערוער וועלן ענטפערן 'אמן' ווייל אן וואס מען זאל זאגן דער 'אמן' וועלן זיי נישט האבן קיין קיום. מהאי טעמא זאגן אויך די נוצרים 'אמן' ביי זייערע תפילות בסוד 'מלאך רע עונה אמן בעל כורחו'. דאס קומט צו ווייזן אז דער יחוד הקדוש איז אלעס און אז אלעס איז תלוי בו און אז אנדעם קען מען זיך נישט האלטן איין טאג.